אידישע העלדן

שפּאנענדער ראמאן פונ'ם אידישן לעבן אין דער צייט פון דער גרויסער מלחמה

פון י. ג.

(פארטזעצונג)

— אָט דאָס וואָס איך וויל, — האָט דער גענעראל גוטמוטיק געענטפערט. — אלס פריוויליקע קאָן איך אייך באפרייען פון דער קאָמענדע פון דעם הויפּטמאַן. איר וועט אָפּערירן מיט אייער קאָמפּאַניע, וואָס איר וועט קריגן אויף אייער אייגענער רעכענונג, גאָר איר וועט מוזן אייערע באַוועגונגען באַריכטן צום אָבערסט.

איבעריקנס קריגט איינער פון אייך דעם ראַנג פון לייטענאַנט און די איבעריקע אלס זיינע שטעל פאַרטרעטער? קלייבט אויס פון זיך דעם יעניקן, וועמען איר ווילט אלס אייער לייטענאַנט.

אַלע חברים האָבן אָנגעוויזן אויף דעם דאַרן לעווי.

— יעדער פון אונז האָט זיינע באַזונדערע פייאיקייטן, עקסעלענץ, — האָט דער נייער אויסדערוויילטער לייטענאַנט זיך געווענדעט צום גענעראל. — אָס בעם טען ייאלט זיך פאַר דעם דאָזיקן ראַנג געפּאַסט אונזער גרויסער שווינגער, חבר שענבערג, וועלכער איז א מענש מיט א קלאָרן קאָפּ און מיט א שטאַרקן פויסט. נאָר ווען מיינע חברים ווילן מיר צוטיילן די דאָזיקע ערע, נעם איך עס גערן אָן.

— און איך שווער, אז מיט מיין לעבן און מיט מיין נשמה וועל איך פּאַרטיידיקן אונזער לאַנד, ביז מיין לעצטן אָטעם צוג וועל איך קעמפן קעגן די שונאים פון אונזער אלטן מאנארך.

ער האט אויפגעהויבן זיין האנט צו שווערן, ווערנד זיינע חברים זיינען געשטאנען ארום מיט אראפּגעבויגענע קעפּ.

עס איז געווען א פּרעכטיקעס בילד, ווי די פינף אידישע יונגעלייט זיינען געשטאנען מיט דעם אויסדרוק פון מוט און ענערגיע אויף זייערע פּנימ'ער.

דער גענעראל אליין האט אויסגעזען שטארק אימפּאָנירט, און האט מיט פריינטלאכע בליקן באטראכט די פינף מוטיקע אידישע יונגעלייט.

מיט א פריינטלאכער באמערקונג האט גענעראל ראזענוי גענומען אפּשייד פון זיי, און מיט א טיפער דאנקבארקייט האבן זיי פארלאזן זיין הויז. אין דעם זעלבן טאג האבן זיי זיך פארגעשטעלט פאר אבערסט הערנאק.

זיי האבן אים איבערגעגעבן די פּאפּירן פון גענעראל - שטאב, די רעקאמענדיציע פון גענעראל הענקל און דעם באפעל פון דעם דיוויזיאנס - קאמאנדיר גענעראל ראזענוי.

— עס פרייט מיך זייער צו האבן אזעלכע יונגעלייט אין מיין רעגימענט. איך האף אז איר וועט מאכן דערפאלג. איר קריגט א קאמפּאניע און איידער אונזער רעגימענט איז נאך גרייט צום אפּמארשירן, גייט און באווייזט אייערע העלדנטאטן.

אויפ'ן צווייטן טאג איז לייטענאנט לעווי, אין דער שפּיצע פון דער קאמפּאניע סאלדאטן צוזאמען מיט זיינע קאמעראדן געווען אויפ'ן וועג נאך ביעליץ.

— אויב די רוסן זיינען שוין אין גאליציע, — האט דער צווייפלער נייפעלד געראטן דעם לייטענאנט, — טא זאלסטו זיין פארזיכטיק. שיק פריער אויספארשן די געגנט. איך און אונזערע חברים וועלן גיין פאראויס, אום זיך צו איבערצייגן, אויב עס איז דא ערגעץ א געפאר.

— ניט נויטיק, — האט לייטענאנט לעווי געזאגט קורץ, און האט נאך שטארקער א טרייב געטאן זיין פערד אין גאלאפּ, אז די קאמפּאניע האט אים קוים נאכגעהאלטן. — ווען די רוסן וואלטן דא געווען וואלטן זיי געלאזן נאך זיך שפּורן, א רוס מוז פאנאנדערפירן די הענט, ווען ער דערפילט די מאכט, ער מוז מאכן א חורבן, דאס איז זיין איינציקע סטראטעגיע. דו זעסט, דא איז נאך אלעס גאנץ, קיין הויז ניט אנגערירט.

און די קאמפּאניע האט אוועקגעשטערעמט ווייטער.

אויפ'ן צווייטן טאג זיינען זיי אנגעקומען אין ביעליץ, א קליינע אידישע שטעטל, ווי אלע גרעניץ שטעטלאך פון גאליציע. און די איינוואוינער האבן זיך דערפרייט מיט'ן גאנצן הארצן, דערזעענדיק די מיליטער; דען זיי איז געווען גוט באקאנט דער חורבן פון מיסליץ, א סך מיסליצער איינוואוינער זיינען נאך דעם איבערפאל אויף מיסליץ אנטלאפן אהער און די ביעליצער אידן, און אפילו די שטאט באאמטע זיינען געווען אין טויט שרעק, מורא האבנדיק פאר דעם שיקזאל פון מיסליץ.

דערפאר איז ביי זיי איצט געווען א גרויסע שמחה ווען זיי האבן דערזען די מיליטער, און יעדער איינוואוינער האט געהאלטן פאר זיין פליכט צו נעמען צו זיך א סאלדאט צו איבערנעכטיקן.

אזוי זיינען די סאלדאטן פאנאנדערגעטיילט געווארן איבער די הייזער פון ביעליץ, דער לייטענאנט, וועלכער האט זיך ניט געוואלט שיידן פון זיינע קאמעראדן, האט אנגענומען די איינלאדונג פון דעם גביר פון שטעטל זלמן רייצעס, וועלכער איז אויך געווען דער פירער פון ביעליץ און איז באטראכט געווארן אלס דער בירגער מייסטער.

לויט זיין פּלאן האט לייטענאנט לעווי געוואלט אפּפארן אויפ'ן צווייטן טאג מיט זיין קאמפּאניע ווייטער נאך מיסליץ, וואו ער האט געוואלט אנפאנגען זוכן א שפּור פון זיין פארלארענעם פריינט רפאל ניימאן.

אבער דער דאזיקער פּלאן איז גאנץ אומדערווארט געשטערט געווארן; דען אויף דעם צווייטן פרימארגן אלס ער, און זיינע קאמעראדן זיינען געזעסן מיט דער פאמיליע פון זלמן רייצעס ביים פרישטיק עסן איז אריינגעקומען א משרת און האט געמאלדן:

— דער רב איז דא! — ער איז געקומען עפּעס מיט א רוסישן מוזשיק! ער וויל אייך שוין זעען! ער זאגט אז עס איז זייער וויכטיק!

— דער רב?! — איז ר' זלמן רייצעס אויפגעשפּרונגען פון זיין ארט, — דאס איז דאס ערשטע מאל וואס דער רב באזוכט מיין הויז! און אזוי פרי! און מיט א רוסישן פויער! עטוואס זייער וויכטיקעס האט געמוזט פאסירן!

אויך דער לייטענאנט מיט זיינע קאמעראדן זיינען אויפגעשפּרונגען פון זייערע פּלעצער.

— פיר דעם רב אריין אהער! — האט דער גביר באפוילן דעם משרת.

— און דעם רוסישן פויער? — האט דער דינער געפרעגט.

ר' זלמן האט שוין געוואלט הייסן אריינצופירן דעם פויער אויך, נאר דא האט דער גרויסער שווינגער שענבערג, פּלוצלונג געקראגן לשון.

— נישט נויטיק, — האט ער געזאגט קורץ, — ער וועט ניט רעדן ווען ער וועט זעען עסטרייכישע מיליטער.

— דאס איז וואס איך האב געטראכט — האט לייטענאנט לעווי דערקלערט, — מיר וועלן פריער הערן וואס ער האט דעם רב געבראכט אהער. ער מוז דאך ווארשיינלאך וויסן וועגן וואס עס האנדלט זיך. אויב ער האט געפונען פאר נויטיק אליין צו קומען אהער, טא פאר וועלכן צוועק דארפן מיר, אז דער רוסישער פויער זאל וויסן, דאס די מיליטער האלט זיך דא אויף. — לאזט אים ווארטן.

מיט אפּאר מינוטן שפּעטער איז אין צימער אריינגעקומען דער רב פון ביעליץ, ווערנד דער רוסישער פויער, וועלכער איז ניט געווען קיין אנדערע אלס דער אופער סאלדאט סעמיאן, איז געבליבן ווארטן אין פאדער צימער.

דער רב איז געווען א הויכער און אלטער מאן, גלייך ווי א סטרונע מיט א לאנגער, זילבער - ווייסער בארד און מיט שארפע און קלוגע אויגן; אויף זיין פּנים איז געווען אויסגעגאסן א הדרת - כבוד, וואס האט ארויסגערופן צו אים גרויס רעספּעקט; אבער זיין שיינער פּנים איז איצט געווען בלאס און איינגעפאלן, און זיין גרויסע און שטאלצע קאפּ עטוואס איינגעבויגן.

— גוט מארגן, רבי! איר דא? האט דער גביר באגריסט דעם גאסט, — איר קאנט רעדן, רבי, לייטענאנט לעווי פון דעם זעקסטן רעגימענט און זיינע חברים זיינען אידן און אונזערע פריינט.

— איך ברענג ניט קיין גוטע בשורה, — האט דער רב געזאגט, — די רוסן גייען אויף ביעליץ, דער אפּעטיט איז ביי זיי געקומען מיט'ן עסן, און נאכדעם ווי זיי האבן חרוב געמאכט מיסליץ ווילן זיי איצט אריינדרינגען ווייטער אין גאליציע. עס באנייען זיך אויף אונז די גזרות פון באגדאן כמעלניצקים ציטן.

ר' זלמן רייצעס און זיין פאמיליע זיינען געבליבן ווי געטראפן פון א דונער. דער לייטענאנט און זיינע חברים האבן זיך איבערגעקוקט.

אלע האבן געשוויגן.

— איך בין געקומען צו אייך, ר' זלמן, — האט דער רב פארטגעזעצט, — איר זאלט אננעמען די נויטיקע מיטלען, איר האט די מאכט, איר מוזט גלייך מעלדן דעם קאמענדאנט פון פּשעמישל. מען דארף דא מער סאלדאטן, מען דארף פּילייכט ארויספירן די פרויען מיט די קינדער פון שטאט.

— ענטשולדיקט מיך, רבי, — האט דער לייטענאנט זיך איצט אריינגעמישט, — ווילט איר אונז זאגן, ווי אזוי איר האט דערפארן, אז די רוסן קלייבן זיך אויף ביעליץ? — האט אייך דער רוס געבראכט די נאכריכט?

דער רב האט ארויסגענומען א שטיקל פּאפּיר פון קעשענע, וואס סעמיאן האט אים געבראכט, און וואס איז געווען אן אן אונטערשריפט.

דעם דאזיקן שטיקל פּאפּיר האט מיר געבראכט דער רוס, — האט דער רב דערציילט, — דאס האט געשריבן א אידישער סאלדאט, וועלכער וויל אונז פארהיטן פון דער געפאר. דער רוסישער פויער זאגט, אז דער שרייבער פון דעם בריוו הייסט שמולקע, און ער איז זיין בעסטער פריינט, כאטש ער איז א זשיד, א זאנדערבארער מענש איז ער, דער רוס. ער קלאפּט זיך נאכאנאנד מיט דעם פויסט אין הארצן און שווערט זיך, אז ער וועט מער ניט שענדן אידישע פרויען און טעכטער. — ווילט איר אים אריינרופן אהער? איר קאנט אים מער אויספרעגן.

דער גרויסער שווינגער שענבערג האט ענערגיש א שאקל געטאן מיט'ן קאפּ, צום צייכן אז מען זאל דאס ניט טאן.

— גיין, מיר דארפן אים ניט, — האט לייטענאנט לעווי צוגעשטימט, — איך גלויב ניט אין קיין רוס. דער זעלבער רוסישער מוזשיק, וועלכער איז איצט א בעל תשובה, קאן ביי א צווייטער געלעגנהייט ווידער זיך פארוואנדלען אין א ווילד חיה און מאכן פּאגראמען.

אויב ער זאל אריינקומען אהער, וועל איך ניט האבן קיין אנדער ברירה ווי נאר אים צו נעמען אלס א קריגס געפאנגענעם. אבער איך וויל דאס ניט. זאל ער גאר ניט וויסן, אז מיר זיינען אזוי באזארגט וועגן זיין צעטעלע. עס איז גענוג וויפיל מיר וויסן. שיקט אים צוריק פון וואנען ער איז געקומען.

ער האט גערעדט מיט אזא באשטימטן טאן, דאס קיינער האט אים ניט געוואגט ווידערצושפּרעכן.

אידן זיינען באקאנט אלס מכניס אורחים, און דער אופער מוזשיק, סעמיאן, האט איצט צום ערשטן מאל דערפילט די פריינטלאכקייט אין א אידישער הויז, דען מען האט אים אין דער קיך פון דעם ביעליצער גביר געגעבן גוט עסן, גוט טרינקען און נאך עטלאכע קרייצער אין קעשענע און אים צוגעוואונשן א גליקלאכען וועג.

דער רב, דער גביר, און דער לייטענאנט מיט זיינע חברים האבן אונטערדעסן פארבראכט אין א צווייטן צימער, און האבן ארומגערעדט די ערנסטקייט פון דער לאגע.

"הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל", — האט לייטענאנט לעווי אויסגערופן, און אין זיינע אויגן האט אויפגעבליצט א פייערל פון העלדנמוט, — ביעליץ וועט ניט זיין א צווייטע מיסליץ, און אויב די שטעטל וועט ליידן, וועלן די רוסן דערפאר טייער באצאלן. די צייטן פון באגדאן כמעלניצקי זיינען אריבער, און אויב מיר וועלן פאלן, וועט דער שונא פאלן צוזאמען מיט אונז.

— וואס זאגט איר, חברים?

— גוט גערעדט, — האט דער צווייפּלער נייפעלד אונטערגעברומט ווערנד דער "גזלן", דער ווייכהארציקער באראך, — האט קראמפּהאפטיק א כאפּ געטאן דעם ביינקל לעבן אים, אזוי ווי ער האט עס געוואלט צושמעטערן אויף אימיצנס קאפּ.

נאר מאיר מארגאליס איז געשטאנען מיט אן אראפּגעלאזענעם קאפּ און האט געשוויגן, ווערנד דער גרויסער שווינגער האט געשמייכלט מיט זיין באקאנטן פילבאדייטענדן שמייכל.

— מיר זיינען חברים פון דעם אקאדעמישן פאראיין יהודה, — און מיר ווייסן ווי צו קעמפן פאר אונזער פאטערלאנד און פאר אונזער אידישן פאלק. — רבי, האט דער לייטענאנט געזאגט מיט מיט א שטארקער שטימע, — די רוסן וועלן איצט צום ערשטן מאל דערפארן ווי אזוי א איד, א פרייער איד, קאן זיך שלאגן, א. ווען מיר וואלטן נאר געהאט אונזער חבר רפאל ניימאן!

און די פינף חברים האבן טרויעריק אראפּגעלאזן די קעפּ.

— גייט אהיים, רבי, — האט דער לייטענאנט דאן פארטגעזעצט, — און ווארנט אלע אידן פון ביעליץ, אז זיי זאלן ארויסשיקן זייער פרויען און קינדער. די מענער מעגן זיך אפּשטעלן און פארבלייבן אין די הייזער. מיר ווייסן נאך ניט ווי גרויס עס איז די רוסישע ארמיי. וואס גייט אויף ביעליץ, אבער זיי וועלן יעדנפאלס קריגן א הייסע אויפנאמע.

דער אלטער רב האט אויסגעשטרעקט זיין האנט צו יעדן פון די חברים, זיי געגעבן זיין ברכה און איז ארויס פון הויז.

אויך ר' זלמן רייצעס האט פארלאזן זיינע געסט, אום צו מאכן די נויטיקע פארבארייטונגען פאר זיין פאמיליע צו פארלאזן די שטאט.

— און איצט צו דער ארבעט, חברים, — האט לייטענאנט לעווי אויסגערופן, אלס זיי זיינען געבליבן אליין, — מיר האבן איצט א דאפּלטע פליכט צו ווייזן פאר דער וועלט אז א איד קאן זיין א פּאטריאט און פייאיק צו דער קאמאנדע.

די חברים האבן צווישן זיך א ווילע גערעדט, דאן זיינען זיי זיך פאנאנדערגעגאנגען.

אין ביעליץ אבער האט מען זיך דעם זעלבן טאג שטארק געוואונדערט, ווען מען האט געזען עטלאכע ארבעטער מיט לאפּאטעס און מיט אייזנס, גראבנדיק א גרויסע גרוב פאר'ן הויז פון ר' זלמן רייצעס.

די הויז פון דעם ביעליצער גביר האט זיך געפונען אויפ'ן מארק ביים אריינפאר אין שטאט. דאס איז געווען א גרויסער מויער מיט שיינקען און מיט קראמען, און יעדער פויער, וועלכער האט געוואלט קומען אויפ'ן מארק, האט געמוזט פארביי פארן ר' זלמן רייצער'ס מויער. די טעפ איז דארום דא אלע מאל געווען גרויס און די ביעליצער האבן געוואלט קומען אויפ'ן מארק, האט געמוזט פאר וויסן, וואס פאר א בנין דער גביר גייט ווידער בויען.

(פארטזעצונג קומט)

דערהויבן צום אמט פון וויצע-פּרעזידענט פון טרעפיק פון סי. פּי. אר.

ראבערט ל. בורנעף

די קאנאדער נאציאנאלע אייזנבאן אנאנסירט די באשטימונג פון ראבערט ל. בורנעף אלס וויצע-פּרעזידענט אין דעם אויפזיכט פון פארקער, מיט דער הויפּט קווארטיר אין מאנטרעאל.

ר. ל. בורנעף איז געווען פארבונדן מיט די פארשיידענע ליניעס וועלכע שטעלן איצט צוזאמען די קענעדיען נעשאנאל רייל־וויי סיסטעם אין פארלויף פון זיין גאנצער אייזנבאן קאריערע פון 36 יאר.

Hudson's Bay Company.

INCORPORATED 2nd MAY 1670.

מיר ווינשן צו אנאנסירן צו דער אידישער באפעלקערונג פון וויניפּעג און מערב קאנאדע, אז מיר האבן ווידער אראנזשירט מיט

מר. טאדרעס געלער

צו אויסשטעלן אין אונזער סטאר די רעפּראדוקציעס אין האלץ־שניטן (וואוד קאטס) פון זיינע באליבטע אידישע בילדער.

די דאזיקע "וואוד קאטס" קאן מען איצט באקומען צו פּרייזן פון $5.00 ביז $12.00.

איינשליסנדיק אין דער אויסשטעלונג געפינען זיך רעפּראדוקציעס פון די צוויי בילדער וועלכע האבן לעצטנס געוואונען אינטערנאציאנאלע פּרייזן. די יעניקע וועלכע וואוינען אין דער קאנטרי קאנען עס ארדערן ביי מעיל. מיר וועלן זיין צופרידן צוצושטעלן אינפארמאציע און מעיל ארדערס פּינקטלאך.

בילדער גאלעריע, פערטער פלאר

בוירקס "פלאם" סייל

דאס איז אייער לעצטע געלעגנהייט צו קויפן סחורות פון פיינער קוואליטעט צו זייער רעדוצירטע פּרייזן

BIRKS

HENRY BIRKS and Sons, Limited

BIRKS BLDG., PORTAGE AVE.

אין איצטיקע מאדערנע צייטן

קאן מען ארויסציען מוזיק און געלעכטער פון דער לופט — דורך בלויז א דריי טאן א קליינעם רעדל.

קיין היים דארף ניט זיין אן דעם דאזיקן וואונדער.



לאזט די דאזיקע וואונדערבארע וועסטינגהאוז ראדיאלא צושטעלן צו אייער היים א נייע פרייד.

$111.50 קאמפּליט

פרייע דעמאנסטריישאן אין אייער אייגענער היים

National News Ltd.

י. י. בערמאן — דזשאזעף גרינבערג

546 Main St. Phone 87 222

היינט אויף דער ראדיא

CKY 780

8.30—וואפּעקס האלבע שעה, מוזיק.

9.00—אימפּיריאל טאבעקא קא. דזשאַ־ קעסטערס. טשיין פון טאראנטא.

10.00—פּיטשורס.

CNRW 780

וויניפּעג

7.00—טיוואלי ארגאן, סטודיע פּראגראם. פּט. גערי האטעל דינער מוזיק.

CJGX 475.9

יארקטאן

7.15—פּארמערס פּריירי ראדיא שעה.

CJRW 499.7

פלעמינג

5.40—מוזיק.

6.00—אנקל פּיטער.

6.50—מוזיק.

WTMJ 620

6.00—מילוואקי. פארשיידענע פּראגראם.

WHK 1390

7.00—קליוולאנד. פארשייד. פּראגראם.

WEAF 660

7.00—ניו יארק ען. בי. סי. די שטימע פון פייערסטאן.

WBBM 770

7.00—שיקאגא. סימפאניק ארקעסטער.

WCCO 810

7.00—מינעאפּאליס, סט. פּאול, אפּערא.

WEAF 660

8.30—ניו יארק. מאטארס פּארטי.

N.B.C. KDKA—WTMJ

9.00—סטראמבערג קארלסאן ראטשעס־ טער סיוויק סימפאני.

WLW 700

9.00—סינסינאטי. האמילטאן קאנצערט.

10.00—ארקעסטער טריא, געזאנג.

KMOX 1090

10.30—סט. לואיס. ארקעסטער.

WGN 720

10.30—שיקאגא. ארקעסטער, נייטהאוקס דרימישיפּ.

KDKA 980

11.00—פּיטסבורג. ארקעסטער.

WLW 700

11.00—סינסינאטי. ארקעסטער. געזאנג.

WTMJ 620

11.00—מילוואקי. טאנץ מוזיק. ארגאן.

WGN 720

12.00—שיקאגא. מוזיק.

NEW PALACE THEATRE

היינט, מארגן און מיטוואך

לואיס סטאון און א אל סטאר קעסט אין

"ווערטער און מוזיק"

א ריידנדיק, זינגענדיק און טאנצענדיק בילד

אויך ריידנדע קאמעדי. פּאקס מואוויטאן נייעס

אין פּעלעס טעאטער

היינט ווערט געוויזן אין פּעלעס טעאטער א גרויסארטיק אמוזירנדיק בילד מיט דעם באריהמטן מואווי סטאר, לואיס מאראן און א אל סטאר קעסט, אין "ווערטער און מוזיק", א דורכאויס ריידנדיק, זינגענדיק און טאנצנדיק בילד. אויך א ריידנדיקע קאמעדיע, און פּאקס מואוויטאן נייעס. פאר ריכטיקער פּארוויילונג זעט די דאזיקע בילד אין פּעלעס טעאטער.

—(::)—

בעסטע פּארמערס וועלען באלוינט ווערן מיט מעדאלן

עדמאנטאן, אלט., יאנוו. 10. — ביי דער יערלאכער קאנווענשאן פון די "אלבערטא אגריקולטשוראל פעיערס אסס'ן", איז דא אריינגעבראכט געווארן א פּארשלאג צו געבן יעדן יאר א גאלדענעם מעדאל און באערן מיט'ן נאמען "מייסטער פּארמער" דעם אמבעסטן אויסגעצייכנטן פּארמער פונ'ם יאר.

דער פּארשלאג לויטעט אז שכנים פון יעדן דיסטריקט קאנען נאמינירן לויט זייער מיינונג דעם בעסטן פּארמער און א קאמיטעט וועט נאכדעם אונטערזוכן די נאמינירטע פון דער יעניקער וואס וועט זיך ארויסווייזן צו אנפירן זיין פּארם לויט די בעסטע פּארם מעטאדן, געשעפטס מעטאדן ווי אויך פיינסטן היימישן לעבן און באקומען גענוג בירגערשאפט, און ער וועט באקומען גענוג ציינכנס, וועט ער דערקלערט ווערן פאר א "מייסטער פּארמער", און ער וועט קריגן א גאלדענעם מעדאל.

—(::)—

לייקנט אפּ אנטיסעמיטיזם צווישן עסטרייכער סאציאליסטן

ווין, יאנוו. (איטא). — מעיאר זייץ, פון ווין, ענטפערנדיק אויף דער אנפראגע וועגן אנטיסעמיטיזם אין די רייען פון דער עסטרייכישער סאציאל-דעמאקראטישער פּארטיי, האט פּארזיכערט, אז זיין אויספארשונג האט אים איבערציינט, אז די דאזיקע בארימטן זיינען לעכערלאכע. דאס זעלבע איז אויך מיט די קלאגען וועגן אנטיסעמיטיזם אין די ארבעטער ספּארט ארגאניזאציעס.

"עס איז גוט באקאנט, אז אנטיסעמיטיזם און סאציאליזם פּארן זיך ניט צוזאמען", — האט מעיאר זייץ דערקלערט.

קלאסיפייד סעקשען — Classified Section

ספּעציעלע פּרייזן פאר אדווערטייזינג אין דער קלאסיפיצירטער אפּטיילונג

איין מאל, 5 ס. פער "אגייט ליין"

פאר א וואך, 20 ס.

פאר א מאנאט, 75 ס.

פאר 3 מאנאטן $2.15 "

פאר 6 מאנאטן $4.00 "

פאר 1 יאר $7.50 "

:: געשעפט געלעגנהייטן

Business Opportunities

א נייע מאנופאקטשורינג, מיט זייער גוטע אויסזיכטן, זוכט א ביזנעסמאן אלס פּארטנער. מוז האבן פון 3 ביז 5 טויזנט דאלאר. זיך ווענדן צו דאס אידישע ווארט באקס 6925.

סעקאנד הענד קלאדינג סטאר צו פארקויפן

איינע פון די בעסטע אין וויניפּעג. זייער א גוטער לאקיישאן. א גוטע געלעגנהייט צו מאכן א שיינעם לעבן און שפּארן געלט. ווילי צו פארקויפן קאמפּליט, אדער בלויז די פיקסטשורס און איבערגעבן די סטאר אן דעם סטאק. זיך ווענדן אין 214 לאגאן עוועניו.

:: צו פארדינגען ::

FOR RENT

צו פארדינגען א דריי רום סוויט מיט א באלקאני אין א פּריוואטער הויז. עלעקטרישער אויוון, הייסע וואסער שטענדיק. זיך ווענדן אין 662 מאניטאבא עוועניו.

צו סובלעטן אין באלטיק אפּארטמענטס א דריי רום סוויט אויפן מיין פלאר. זיך ווענדן אין סוויט 2 באלטיק אפּארטמענטס אדער צום קערטייקער, טעלעפאן 51 107.

א קאפּל מיט איין קינד פארלאנגט צוויי אדער דריי רומס אין א פּריוואטער היים. טעלעפאנירט 56 804.

טיילווייז אדער אינגאנצן צו פארדינגען אדער צו פארקויפן א געביידע, שטאלענע קאנסטרוקציע, באהייצט מיט סטים, גוט פאר א פעקטארי אדער פאר א ווערהויז. 610 דאפערין עוועניו. זיך ווענדן אין 515 פּלאזא עוועניו, אדער אין סיגאלס בעקערי.

:: צו פארקויפן ::

FOR SALE

צו פארקויפן אדער צו פארדינגען א ליידיקע סטאר מיט דריי רומס אין א גוטן לאקיישאן. זיך ווענדן 282 רעדוואוד עוו.

פּארט-ארטור, אנט.

די וועלט האט זיך א שפּריך-ווארט: "א גאסט דעם ערשטן טאג, ווייזט מען אים אן דעם אויבנאן. דעם צווייטן — די מיט, דעם דריטן, טיר".

ווען דאס איז א שפּריך-ווארט מיט געסט, איז עס אבער א געוויסער אמת מיט רעליגיעזע פּראפעסיאנאלע, טערמינאל-אנגעשטעלטע: רבנים, חזנים, שוחטים, מלמדים, און א. וו.

עס איז יעדערן באקאנט, אז בשעת א שטעטל אדער קהלה נעמט אויף א מאן פון די אויבנדערמאנטע פּראפעסיאנען, לאזן זיך זיינע חשובות'קייטן און אומצאליקע מעלות כמעט ניט באשרייבן. מיט דער צייט ווערן אט די מעלות — חסרונות, און ביז'ן טערמין איז שוין פאר אים אפן די טיר.

ס'טרעפט אבער אויך אפטמאל, אז זיי ווערן אויפגענומען אויף נאך א טערמין, אדער טערמינען, און אפילו דורך וואספאר ניט איז אורזאך זאל אויסקומען זיך פאנאנדערשיידן; ווערן אבער די מעלות ניט אויסגעשעפּט, און די הייסקייט און איבערגעגעבנהייט פון איין צד צום צווייטן איז ביים אפּפארן, ווי ביים אנקומען.

צווישן די דאזיקע קהלות קאן מען אויך אריינרעכענען די קהלה פון פּארט ארטור.

מיט דריי יאר צוריק בין איך אויפגענומען געווארן ביי דער פּארט-ארטורער קהלה אלס שו"ב ומורה בלויז אויף איין יאר, דערנאך אויף נאך א טערמין און א. וו. דורך פארשיידענע סבות פון פּארקלערונג פון דער קהלה, פירט עס איצט, ווי עס ווייזט אויס, צו א פאנאנדערשיידונג. עס איז ווירקלאך א פארגעניגן צו זעען איינער אינ'ם צווייטן, יענע מעלות פון 3 יאר צוריק.

ווען איך האב אנגעהויבן אונטערזוכן די אורזאכן פון וואנען נעמט זיך דער אויסנאם אין פּארט ארטור? — האב איך אויסגעפונען: ערשטנס, הערשט ביי זיי שלום און אחדות; צווייטנס, די ערן באאמטע זוכן ניט די ערע פונ'ם אמט, נאר די ערנסטקייט און טובת הקהלה; דריטנס זיינען זיי אלע "טאטנס-קינדער", ווי מען זאגט. און דער "לשם שמים" שטייט ביי זיי העכער פון אלעם, און עס ווילט זיך מיר איבערגעבן. א ציטאט פון א בעל־הבית, וואו מען האט אי סביי א מיטינג געלויבט פאר אפּגעבן זיינע א הויז פאר "שול און חדר" אן רענט געלט. — האט ער אפּגעענטפערט: — לויבט מיך ניט, לויבט "דעם" וואס האט מיר געגעבן!

נאר אזא קהלה, ביי וועלכער דער שם שמים שטייט העכער, ווי דער שם עצמה קאן פאסירן, אז דאס אפּרייזן זאל זיין אין אין דעם זעלבן גייסט און שטימונג ווי דאס אנקומען.

יצחק צימרינג, שו"ב

—(::)—

ציוניסטישע קאנפערענץ אין פוילן פאר פאראייניקונג

ווארשע, יאנוו. (איטא). — אויף דער איניציאטיווע פון נחום סאקאלאוו, ווערט אריינגערופן א קאנפערענץ פון די צענטראלע קאמיטעטן פון אלע ציוניסטישע גרופּעס אויף דער פּוילישער טעריטאריע, כדי צו גרינדן אן אל-פּוילישן צענטראלן ציוניסטישן פארבאנד.

:: פּערזענלאכעס ::

PERSONAL

PROF. SCOTT 88 106

290 פארטעדזש עוו. איבער לייסעאום טעאטער

גייסטע בעסטע פּאקס-טראט און וואלץ סטעפּס

קלאסן און סטריקטלי פּריוואטע לעסאנס.

$5.00 פולער קורס פון לעסאנס

מיר קלייבן אויף טויטע פערד, בהמות, הינט, קעץ א.א.וו. פרייע פון קאסטן. א באלויזונג וועט געגעבן ווערן פאר אזעלכע וואס וועלן געבאכט ווערן אין אונזער פּלענט.

Phone 204 129; Res. 51 168,

WINNIPEG RENDERING CO. LTD.

I. Posner, Mgr.

347 Dupuy St. St. Boniface

שיפסקארטן

אויף לייכטע צאלונגען

געלט-שיקונג

אין אלע טיילן פון דער וועלט דורך קייבל אדער בריוו, שנעל און ראיעל.

ריל עסטייט, אינשורענס

געשעפטן אנגעלעגנהייטן

ח. פערלמאן, י. יאן, נ. וועלטשען

MUTUAL AGENCIES

796 Main St. Phone 51 000

ווען אין סאסקאטון

שטייט אין

WINDSOR HOTEL

1st Ave. and 20th St. E.

הייסע און קאלטע וואסער

יוראפּייאישער פּלאן. באקוועמע רייטס

דוד עליס, איינגטימער

זעלטענע געלעגנהייט פאר א קינדערלאזע פּאר-פאלק

א איינגעלע פון צען מאנאטן צו אדאפּטירן. געזונט, רייצנד און שיין, און אמת'ער מלאכ'ל. א גליק פאר יעדער קינדערלאזער הויז.

זיך נאכפרעגן פּערזענלאך בלויז ביי מר. א. אסאווסקי

סופּעראינטענדענט

מערב קאנאדער אידישער בית יתומים

123 מעטיסאן עווע.

קיין אינפארמאציע דורכן טעלעפאן

אויב איר פארלאנגט אינשורענס, און באנדס פאר אירגענד וועלכן צוועק.

אויב איר ווילט קויפן אדער פארקויפן א פּראפּערטי.

אויב איר דארפט קויפן אדער פארקויפן א ביזנעס אין שטאט אדער אין קאנטרי.

אויב איר נויטיקט זיך אין געלט אלס מארטגעדזש אין א פּראפּערטי, אדער אויטאמאביל, אדער דיסקאנטירן אגרימענטס.

אויב איר זוכט צו דינגען א הויז, א סוויט אדער א סטאר —

ווענדעט זיך צו אייער אלט באקאנטער פירמע, וואו איר זיינט זיכער צו קריגן די ראיעלסטע און שנעלסטע באדינונג.

Sheps Agencies Ltd.

804 מיין סטריט

טעלעפאנס 761 55 און 807 53

העכסטע פּרייזן — שנעלסטע צאלונגען

פאר

פארס, היידס און הארס הער

ווען אין שטאט באזוכט אונז אין אונזער נייעם פּלאץ

R. S. Robinson & Sons

191 MARKET ST., EAST

Just East of Main Street

איסט פון מיין סטריט

ארבעטער פארלאנגט

HELP WANTED

פארלאנגט אן עקספּיריענסד מאן פאר א קאנטרי דזשענעראל סטאר. סינגל אדער פארהייראט. וועט האבן א שטענדיקע שטעלע. זיך ווענדן 270 פּריטשארד עווע.

:: שטעלע פארלאנגט ::

SITUATION WANTED

א באי, 22 יאר אלט, 3 מאנאטן פון אלד קאנטרי, זוכט א דזשאב אין א קאנטרי סטאר. ווילק צו ארבעטן פאר קליינעם געהאלט. רעדט רוסיש, דייטש און אביסל ענגליש. ווענדן ד. א. וו. באקס 6930.

עקספּיריענסד קלארק, גוטער סיילסמאן און סטאק קיפּער, פארלאנגט א דזשאב אין א קאנטרי דזשענעראל סטאר. גוטע רעפערענסעס אויב נויטיק. זיך ווענדן צו דאס אידישע ווארט באקס 6936.

* לייענט "דאס אידישע ווארט", אייער *

* איינציקע צייטונג, געדרוקט אין אונ- *

* זער אייגענער שפּראך, פאר אונזערע *

* איינגענע אינטערעסן פארשפּרייט אין *

* אלע אידישע היימען פון וויניפּעג און *

* מערב קאנאדע. *